**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אום 'ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער טאג', הייבט גאווערנער האקול ארויס צוגאבליכע ערשטע הילף מאנשאפט וואוילזיין איניציאטיוון**

***איניציאטיוון רעכענען אריין אן אנווייזונג ביכל איבער מאנשאפט מיטגלידער וואוילזיין פראגראמען, ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייסטישע געזונטהייט ווידעאו און א נייע וועבזייטל פאר מאנשאפט מיטגלידער וואוילזיין***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויסברייטערן שטיצנדע סערוויסעס פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער***

שטייענדיג אום 'נאציאנאלע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער טאג' ( National First Responders Day), האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) ארויסגעהויבן עטליכע נייע איניציאטיוון צו שטיצן די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. די נייע מאטעריאלן וועלכע זענען פארעפנטליכט געווארן רעכענען אריין אן אנווייזונג ביכל איבער מאנשאפט מיטגלידער וואוילזיין פראגראמען ( Responder Wellness Program Primer), אן אינפארמאטיווע מקור צו העלפן סטעיט און לאקאלע פובליק זיכערהייט אגענטורן אנטוויקלען אדער באררייכערן זייערע אייגענע פראגראמען פאר מאנשאפט מיטגלידער וואוילזיין; א ווידעאו וואס הייבט ארויס די אייגנארטיגע גייסטישע געזונטהייט געברויכן פון ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער; און די עפענונג פון א נייע וועבזייטל געווידמעט פאר די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. די פארעפנטליכונג פון די נייע מאטעריאלן בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul's (האקול) אויסברייטערונג פון שטיצנדע סערוויסעס פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער נאכדעם וואס די סטעיט'ס ערשטמאליגע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייסטישע געזונטהייט געברויכן אפשאצונג (First Responder Mental Health Needs Assessment) האט געוויזן אז מער פון האלב פון מענטשן וועלכע ארבעטן אין פובליק זיכערהייט פעלדער גייען אריבער הויכע שטאפלען פון סטרעס, אויסגעברענטקייט ('בוירנ-אַוט') און גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן.

"אונזערע עמערדזשענסי מאנשאפט מיטגלידער זענען דא צו העלפן ניו יארקער ווען זיי פעהלן דאס מערסטע אויס, און זיי טראגן מיט זיך די לאסט פון אונזערע שווערסטע מאמענטן אויף זייערע אקסלען לאנג נאך די טראגעדיע געשעהט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער ראנגלען זיך נישט אליין מיט די שוועריגקייטן. מיט נייע ספעציעלע מאטעריאלן געווידמעט צו פארשטערקערן געזונטהייט פראגראמען און גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג, טוהען מיר שטיצן די מענטשן וועלכע שטיצן אונז — און וועלכע גיבן אוועק זייערע לעבנס צו באשיצן ניו יארקע קאמיוניטיס."

די אנווייזונג ביכל איבער מאנשאפט מיטגלידער וואוילזיין פראגראמען רעכנט אויס וויכטיגע זאכן צו נעמען אין באטראכט און רעקאמענדירטע מעטאדן, און עס איז צוזאמגעשטעלט געווארן זיך איינהערנדיג

צו וואוילזיין אפיצירן און קאארדינעיטארס אריבער די סטעיט. די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) האט אויך ארויסגעגעבן א ווידעאו וואס הייבט ארויס די אייגנארטיגע גייסטישע געזונטהייט געברויכן און שוועריגקייטן וואס ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער שטייען אויס, אריינרעכענענדיג זיין אויסגעשטעלט צו טראומע, סטיגמע און אנדערע שטרויכלונגען זיך צו ווענדן פאר באהאנדלונג. די ווידעאו איז געווידמעט צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט די נושאים און איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך אן אנגייענדע צוזאמענארבעט צווישן די DHSES און די NYS אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) צו שטיצן די אוועקשטעלונג פון א טרענירונג פאר קולטורישע קאמפעטענץ צווישן גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן. די טרענירונג וועט פארעפנטליכט ווערן שפעטער דאס יאר.

די ווידעאו, צוזאמען מיט די אנווייזונג ביכל און אנדערע מאטעריאלן, וועלן זיין פארעפנטליכט אויף א נייע טייל פון די DHSES וועבזייטל געווידמעט פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין. די וועבזייטל בלאט וועט דינען אלס נאך א מקור פאר סטעיט און לאקאלע אגענטורן, אפפערנדיג לינקס צו נוצבארע מאטעריאלן, אריינרעכענענדיג די 'ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייסטישע געזונטהייט געברויכן אפשאצונג' וואס איז דורכגעפירט געווארן פאר די DHSES דורך די אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט (Institute for Disaster Mental Health) און דורך די Benjamin Center ביי SUNY ניו פּאַלץ (SUNY New Paltz).

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, Jackie Bray (דזשעקי ברעי), האט געזאגט,** "ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייען אריבער טראומאטישע מצבים אויף א טעגליכן פארנעם, און עס איז גאר וויכטיג אז זיי זאלן האבן צוטריט צו די שטיצע וואס איז נויטיג צו באשיצן זייער גייסטישע געזונטהייט. די נייע רייע פון מאטעריאלן גיבט פאר פובליק זיכערהייט אגענטורן די כלים וואס זיי דארפן צו אנהויבן בויען עפעקטיווע וואוילזיין פראגראמען, כדי מיר זאלן זיך קענען אפגעבן מיט אונזערע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער אין די זעלבע וועג ווי זיי גיבן זיך אפ מיט אונז."

שטודיעס האבן געוויזן אז אנגעהויפנטע סטרעס און טראומע זענען פארשפרייט צווישן מאנשאפט מיטגלידער אין מונדירן און האבן געשטעלט די מענטשן אין א גרעסערע געפאר פון זעלבסטמארד. כדי צו בעסער פארשטיין די גייסטישע געזונטהייט-פארבינדענע שוועריגקייטן וועלכע מענטשן וואס ארבעטן אין פובליק זיכערהייט פעלדער שטייען אויס, איז די DHSES אריין אין א שותפות מיט SUNY ניו פּאַלץ'ס אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט צו דורכפירן א ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער געברויכן אפשאצונג סורוועי צווישן מער פון 6,000 מענטשן אין געזעץ ענפארסירונג, עמערדזשענסי מעדעצינישע סערוויסעס, פייער סערוויסעס, עמערדזשענסי קאמוניקאציעס און עמערדזשענסי פארוואלטונג פון יעדן ראיאן.

די אפשאצונג האט געוויזן מער פון האלב אנטיילנעמער מאכן מיט הויכע שטאפלן פון סטרעס, אויסגעברענטקייט, אנעקזייעטי און דיפרעסיע פארבינדען צו זייער ארבעט, און אז זיי קענען מעגליך נישט זיכן הילף צוליב זייער זארג פון סטיגמע. געדאנקען פון זעלבסטמארד זענען באריכטעט געווארן דורך 16 פראצענט פון רעספאדאנטן - א שטאפל פיר מאל העכער פון די אלגעמיינע באפעלקערונג פון די סטעיט. גלייך דערצו, שטארבן ניו יארק וועטעראנען דורך זעלבסטמארד אויף א ראטע פון באלד צוויי מאל העכער ווי ציווילער - א ראטע וואס איז געבליבן כמעט נישט-געטוישט זינט 2012. וועטעראנען יונגער ווי 55 שטייען קאנסיסטענטלי אויס די העכסטע ראטעס פון זעלבסטמארד אין ניו יארק.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, Dr. Ann Sullivan (דר. ען סאַליוואן), האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן שטיצן די מענטשן וועלכע באדינען אונזערע

קאמיוניטיס און האלטן אונז זיכער. אונזערע מאנשאפט מיטגלידער אין מונדירן און וועטעראנען טרעפן זיך אפט ווערנדיג אפעקטירט דורך די סטרעס און אנגעהויפנטע טראומע וואס זיי גייען אריבער אויפן דזשאב. די מאטעריאלן וועלן העלפן שטיצן זייער גייסטישע געזונטהייט, בויען דויערהאפטיגקייט און פארמיידן אויסגעברענטקייט."

**SUNY ניו פּאַלץ אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט דירעקטארין, Dr. Robin Jacobowitz (דר. ראבין דזשעיקאבאוויץ), האט געזאגט,** "די DHSES'ס נייע איניציאטיוו נעמען אינפארמאציע און ציפערן פון די ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייסטישע געזונטהייט געברויכן אפשאצונג און פארוואנדלען דאס אין למעשה'דיגע שריט דורכן צושטעלן אנווייזונגען פאר די אוועקשטעלונג פון וואוילזיין פראגראמען און דורכן ארויסהייבן די אייגנארטיגע גייסטישע געזונטהייט געברויכן פון ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. די אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט ביי SUNY ניו פּאַלץ איז דאנקבאר פאר איר שותפות מיט די DHSES ביים פאראויס שטופן די ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער גייסטישע געזונטהייט געברויכן אפשאצונג און ביים שטיצן אונזער ארבעט."

אין צוגאב צו די DHSES באמיאונגען, פירט די OMH אן עטליכע איניציאטיוון צו שטיצן די גייסטישע געזונטהייט פון ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. דער CARES UP פראגראם קאנצענטרירט זיך אויף צו פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון מאנשאפט מיטגלידער אין מונדירן און וועטעראנען דורכן צושטעלן פינאנצירונג און אנדערע מיטלען צו העלפן פובליק זיכערהייט אגענטורן אנטוויקלען זייערע אייגענע וואוילזיין באמיאונגען.

פריער דעם חודש, האט די OMH אפגעהאלטן א צוויי-טאגיגע קאנפערענץ קאנצענטרירט אויף די הויכע ראטעס פון זעלבסטמארד צווישן מיליטער וועטעראנען און אנדערע מאנשאפט מיטגלידער אין מונדירן, אריינרעכענענדיג געזעץ אינפארסירונג, פייערלעשער, עמערדזשענסי מעדיצינישע סערוויס ארבייטער, טורמע אפיצירן און 911 דיספעטשערס. זייענדיג טייל פון גאווערנער Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) אנגייענדע באמיאונגען צו שטיצן די גייסטישע געזונטהייט געברויכן פון וועטעראנען און מאנשאפט מיטגלידער אין מונדירן — האט די קאנפערענץ אראפגעברענגט נאציאנאל אנערקענטע רעדנער, עקספערטן אין דעם פעלד, טרענירונג און ווארקשאַפּס פארבינדן צו די השפעות פון סטרעס און טראומע וואס קומען מיט די דזשאבס.

די OMH האלט אויך אויף די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין (Suicide and Crisis Lifeline) וואס פארבינדט ניו יארקער מיט טרענירטע קריזיס קאונסעלארס 24/7, און קען העלפן סיי ווער וואס טראכט איבערן זיך נעמען דאס לעבן, וואס מוטשעט זיך מיט דראג באנוץ, גייט דורך א גייסטישע געזונטהייט קריזיס אדער סיי וועלכע אנדערע סארט עמאציאנאלע שוועריקייט. ניו יארקער קענען אויך רופן, טעקסטן אדער שרייבן אנליין צו 988 אויב זיי זענען באזארגט איבער איינעם אנדערש אדער גלויבן אז זיי דארפן מעגליך קריזיס שטיצע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן